


# דאס דביקות פון רביה"ק מסאטמאר זי"ע

# צום היליגן "אך פרי תבואה" מליסקא זי"ע

## דער אויסטערלישער כח הצדקה - נישט נהנה זיין ממקורות זרים

דעם קומענדיגן פרייטאג, ערב שבת נחמו, י"ד אב, פאלט אויס די 147טע הילולא קדישא פונעם צדיק נושעות, פועל ישועות בקרב הארץ, הרב הקדוש המפורסם רבי צבי הירש מליסקא זי"ע בעל אך פרי תבואה.

בלויז צוועלף טעג טיילט אפ צווישן י"ד אב, די ליסקא יארצייט, און כ"ו אב, יומא דהילולא פון רבינו הקדוש מרן מהר"י ט"ב מסאטמאר זי"ע. לכבוד די צוויי יארצייטן איז א דבר בעתו צו אנאליזירן א מערקווירדיגע נקודה איבער דאס אויסטערלישע דביקות און התקשרות וואס מרן רבינו הקדוש מסאטמאר זי"ע האט געהאט אינעם ליסקא צדיק זי"ע, דער גרויסער תלמיד מובהק פון זיין היליגן זיידן דער ישמח משה זי"ע.

יעדער ווייסט אז נאך די צווייטע וועלט מלחמה איז מרן הקוה"ט מסאטמאר זי"ע געווען דער יחיד בדורו הנשאר לפליטה וועלכער האט מיט הימלישע סייעתא דשמיא און אומבאגרייפבארער מסירת נפש עצומה באוויזן איבערצופלאנצן אין אמעריקע דאס ערליכע, אויטענטישע אידישקייט פון איידער די קריג.

ווען מען באטראכט היינט מיט באגייסטערונג דעם גיגאנטישן עולם הפילאנטראפיע אין אמעריקע, די הונדערטער מיליאנען דאלארן וואס גיסן זיך יערליך ביי חרדישע גבירים פאר כל ערליי צדקה צוועקן, איז דאס א דבר פשוט ביי יעדן אז דאס איז איינע תוצאות פון די אומשאצבארע פעולות וואס רביה"ק מסאטמאר זי"ע האט איינגעפלאנצט אין אמעריקע.

מיט א טיפערן בליק זעט מען אז דער דאזיגער כח הצדקה פון רבי'ן האט געהאט א שורש למעלה בקודש מבית אבותיו ורבותיו הק'. אין דעם מאמר וועלן מיר צוברענגען טייל פון די די עובדות והוכחות וועלכע צייגן דעם רבינ'ס געוואלדיגן קשר אמיץ אין רבי הערשעלע ליסקער זי"ע, און אין זיין מדת החסד וצדקה בפרט.

### דער געוואלדיגער מדת פזרנות אין צדקה

### צוריקגעגעבן צוואנציג טויזנט לעי

אין ספר "זכר צדיק לברכה" פון הרה"ח ר' אברהם דוד גליק ז"ל איז דערציילט, ווי פאלגענד:

ווען דער רבי זי"ע האט געוואוינט אין סאטמאר, צום ערשטן מאל אלס יונגערמאן נאך שנה ראשונה, איז אנגעקומען א ידיעה צו איינעם פון די עשירים פון שטאט, אז דער גראסערי מאן האט זיך באקלאגט אז דער רבי איז שולדיג א גרויסן סכום געלט אין די גראסערי.

א איד אן עושר און נשוא פנים, פון די עלטערע חשובע אידן אין סאטמאר (ער איז געווען א פעטער פון ר' שמואל פריינד ע"ה פון נירעדהאז) איז אריבערגעקומען צום רבי'ן אין שטוב און ער האט געגעבן פאר'ן רבי'ן א סכום פון צוואנציג טויזנט לעי (ראמעניש געלט) זאגענדיג: "עס איז נישט קיין כבוד פאר אבותיו הקדושים פון רבי'ן אז זייער'ס א קינד זאל זיין שולדיג אזויפיל געלט אין די גראסערי".

ווי נאר דער איד איז ארויסגעגאנגען פון רבינ'ס שטוב האט דער פאסט-טרעגער אריינגעברענגט צום רבי'ן א קארטל פון סיגעט. דער רבי זי"ע ליינט אפ דאס קארטל און זעט אז עס איז א בריוו פון א באקאנטע אלמנה. זי שרייבט פאר'ן רבי'ן אז זי האט א טאכטער פון 30 יאר, זי האט ענדליך א שידוך געטון מיט איר, אבער זי נויטיגט זיך אין צוואנציג טויזנט לעי פאר נדן; אויב זי קען נישט צושטעלן דאס געלט איז דער שידוך אין א געפאר און איר טאכטער קען שטארק פארשעמט ווערן ל"ע.

דער רבי האט גענומען די צוואנציג טויזנט לעי וואס ער האט נארוואס באקומען פון דעם גביר צו באצאלן זיין גראסערי חוב און ער האט גלייך אריבערגעשיקט מיט די פאסט דאס גאנצע געלט קיין סיגעט פאר די אלמנה.

עס איז ווידער אנגעקומען צום יענעם עושר א ידיעה אז דער רבי איז נאך אלץ שולדיג דעם גרויסן סכום אין גראסערי, איז ער אריבער צום רבי'ן און אים פארגעהאלטן: "איך האב אייך געגעבן א גרויסן סכום געלט, און היתכן דער גראסערי מאן באקלאגט זיך נאך אלץ אז איר זענט אים שולדיג גרויס געלט?"

האט דער רבי זי"ע אים אויסגעזאגט

דעם ריינעם אמת, ער האט אים דערציילט וועגן דעם בריוו וואס איז אנגעקומען פון סיגעט גלייך נאכדעם וואס ער איז ארויס פון הויז און דער רבי האט געזאגט "ווי עס זעט אויס איז דאס געווען ממש מן השמים אז תיכף נאכדעם וואס איך האב ערהאלטן צוואנציג טויזנט לעי איז אנגעקומען א בריוו פון אן אלמנה אז זי נויטיגט זיך ממש אין דעם סכום".

דער איד, זייענדיג שוין אן עלטערער איד בן שמונים, האט זיך געוואגט צו רעדן שטרענג צום רבי'ן און ער האט געזאגט מיט א שארפן טאן: "איך האב אייך געגעבן דאס געלט אויף דעם תנאי איר זאלט באצאלן די גראסערי, איר האט נישט געהאט קיין רעכט אויסצוגעבן דאס געלט פאר אנדערע צוועקן".

ווי דער רבי האט דאס געהערט האט ער אים געענטפערט: "אנטשולדיגט מיר ר' איד, איך האב געגוג איין יצר הרע. הלכות צדקה וועט איר מיר נישט לערנען, איך בעט אייך, קומט אריבער נאך מנחה וועל איך אייך צוריקגעבן דאס גאנצע געלט".

וכך הוה, יענעם טאג ביי מנחה האט יענער איד צוריקבאקומען פון רבי'ן דאס גאנצע געלט.

## פון אייער זיידן האב איך זיך דאס געלערנט

אין ספר זכר צדיק לברכה איז געברענגט אז די מעשה האט א צווייטע האלב, ווי פאלגנד:

בשעת יענער איד האט זיך גע'טענה'ט מיט'ן רבי'ן זי"ע וועגן דעם געלט, האט ער געפרעגט דעם רבי'ן "אמת טאקע אז דער רבי וויל העלפן אידן, אבער וואו שטייט אז פאר איין ארעמאן דארף מען געבן אזא גרויסן סכום? נאכדערצו אין א צייט וואס מיט דעם סכום וואלט מען געקענט מחי' זיין מערערע ארעמעלייט".

האט אים דער רבי געענטפערט:

"פון אייער זיידן האב איך מיך דאס אויסגעלערנט, צו געבן אפילו פאר איין ארעמאן א גאר גרויסן סכום, און הערט וועל איך אייך דערציילן די גאנצע מעשה".

דער הייליגער רבי ר' הערשעלע מליסקא זי"ע פלעגט אפט קומען צו פארן קיין מונקאטש אויף די בקשה פון זיינע חסידים וועלכע האבן געוואוינט דארט.

זעלבסט פארשטענדליך אז ווען רבי הערשעלע מליסקא איז געקומען אין די שטאט איז די גאנצע שטאט געקומען זיך געזעגענען, נהנה זיין עצה ותושי' און מקבל זיין ברכת קדשו, אזוי אז עס האט זיך אנגעזאמלט אויף זיין טיש א גרויסע סומע געלט.

צווישן די פילע אידן וואס האבן באלאגערט דעם גאסטהויז פון רבי הערשעלע, איז אויך געווען א איד א גרויסער ארעמאן, וועלכער האט אויסגעגאסן זיין ביטער פעקל צרות אז ער האט אן עלטערע טאכטער וועלכע ער האט וואלט שוין לאנג געדארפט פירן אונטער די חופה, איצט איז אים ענדליך נאך פילע שוועריגקייטן געלונגען צו טרעפן א וואוילן בחור, און ווי עס פירט זיך, האט ער צוגעזאגט א שיינעם נדן.

למעשה זענען שוין אריבער צוויי יאר זינט ער האט געשלאסן דעם שידוך, ער האט געהאט חשבונות פון וואו צו דעקן דעם נדן, אבער פון די אלע חשבונות האט זיך ליידער גארנישט אויסגעלאזט. לעצטנס - פירט אויס דער ארעמאן מיט גרויס צעבראכנקייט - איז אנגעקומען א בריוו פון די משפחה פונעם חתן אז אויב דער נדן וועט נישט ווערן צוגעשטעלט מיט א געוויסע צייט וועט ער זיך צוריקציען פונעם שידוך. דער ארעמאן האט אויסגעבראכן אין א געוויין אז ער ציטערט אז ער וועט נישט קענען איבערטראגן די גרויסע בושות.

דער הייליגער רבי הערשעלע פרעגט דעם איד וויפיל געלט ער דארף האבן פאר נדן, און אויך פאר די הוצאות החתונה. זאגט דער איד, הונדערט רייניש. האט רבי הערשעלע מליסקא תיכף צוזאמגענומען דאס גאנצע געלט וואס איז געלעגן אויפ'ן טיש וואס ער האט באקומען פון די אלע פדיונות און דאס געגעבן פאר דעם ארעמאן.

בשעת מעשה איז אנוועזנד געווען איינער פון די געהויבענע אידן פון מונקאטש און זעענדיג ווי דער ליסקא רב גיט אוועק אזא גרויסן סכום פאר איין ארעמאן האט ער זיך געוואגט און געפרעגט דעם רבי'ן, "רבי, היתכן צו געבן פאר איין ארעמאן אזא גרויסן סכום, וואס א געווענליכער ארעמאן נעמט געווענליך צוזאם פון הונדערטער מענטשן?"

זאגט דער ליסקא רב פאר יענעם איד "איך וועל דיר דערציילן א מעשה, אבער הער מיך גוט אויס".

ווען איך בין געווען א יונגערמאן האב איך געצויגן חיונה פון מלומדות וואס איז פארשטייט זיך געווען זייער א מצומצמ'דיגע פרנסה; ביי מיר אין שטוב האט געהערשט א שטארקע עניות.

אמאל פאר'ן יום טוב שבועות האב איך באקומען גרויס חשק צו פארן קיין בעלזא צום הייליגן שר שלום זי"ע, אבער אזוי ווי איך האב נישט געהאט קיין געלט פאר הוצאות הדרך בין איך געגאנגען דעם גאנצן וועג צופיס. ענדליך בין איך אנגעקומען צו די גרויסע שטאט לעמבערג, וואס איז שוין נישט ווייט פון בעלזא, אבער דער לאנגער וועג האט געהאט אויף מיר א ווירקונג און דארט בין איך אריינגעפאלן אין א גרויסע חולשה. די פיס זענען מיר געווארן אויפגעשוואלן און מיט גרויס שוועריגקייטן האב איך זיך דערשלעפט ביז צום בית המדרש וואס האט געהייסן "חדשים".

(הרה"ק רבי צבי הירש מזידיטשויב זי"ע בעל עטרת צבי האט געגרונדעט בתי מדרשים אין דריי גרויסע שטעט. איין בית המדרש האט ער געגרונדעט אין לעמבערג וואס ער האט א נאמען געגעבן "חדשים", מיוסד אויפ'ן פסוק "חדשים לבקרים רבה אמונתיך", און די בתי מדרשים אין די אנדערע צוויי שטעט האט ער א נאמען געגעבן איינס "לבקרים" און איינס "אמונתיך").

דארט אינעם "חדשים" בית המדרש זענען פונקט דאן אנגעקומען עטליכע פערד און וועגענער פון בעלזער חסידים פון די שטאט מונקאטש, וועלכע זענען אויך געפארן אויף שבועות קיין בעלזא און האבן זיך אפגעשטעלט אין לעמבערג אפרוען פון וועג און טוישן די אויסגעמוטשעטע פערד. אזוי ווי איך האב שוין נישט געהאט קיין כח פארצוזעצן דעם וועג צופיס, האב איך זיך געוואנדן צו דעם אנפירער פון די בעלזער חסידים וועלכער האט ארגאניזירט די נסיעה און אים געבעטן ער זאל מיך לאזן מיטפארן מיט איינע פון די וועגעלעך קיין בעלזא.

דער אנפירער האט געבעטן פון מיר זעכציג גרייצער פאר די נסיעה. האב איך זיך געבעטן ביי אים אז איך האב נישט ביי מיר אפילו קיין איין פרוטה אויך נישט. איך צייג אים מיינע געשוואלענע פיס און דערצייל אים אז איך בין געקומען ביז אהער צופיס, איצט האב איך מער נישט קיין כח צו גיין און עס טוט מיר זייער וויי אז נאך אזויפיל מאטערנישן וועל איך אין ענדע נישט קענען אנקומען אויף בעלזא אויף יום טוב.

אבער דער יונגערמאן האט נישט געוואלט פון גארנישט וויסן. ער האט מיר נאר אזויפיל געזאגט אז עס וועט נאך דויערן צוויי שעה ביז זיי וועלן פארזעצן די נסיעה, אין די צייט קען איך ארומגיין אין די שטאט און זאמלען נדבות, ביז איך וועל שאפן די זעכציג גרייצער און קענען מיטפארן.

באין ברירה האב איך זיך געמוזט ארויסלאזן גיין נאך געלט, טראץ איך בין נישט געווען געוואוינט דערצו און טראץ מיינע ווייעדיגע פיס. דער חשק אנצוקומען אויף יום טוב קיין בעלזא איז אלעס איבערגעשטיגן און איך בין ארומגעגאנגען אין די שטאט זאמלען נדבות. דעמאלט איז געווען איינגעפירט אז ווען מען איז אריין אין א אידיש געשעפט בעטן א נדבה האט





דער אייגענטומער געפרעגט דעם נצרך "געלט אדער סחורה?" דאס האט געמיינט צו פרעגן צי דער ארעמאן וויל דוקא נעמען געלט, אדער אפשר איז אים אויך גוט צו נעמען סחורה וואס ער וועט קענען פארקויפן (רוב מאל האט זיך דאס געלוינט ווייל פון די סחורה האט מען באקומען א גרעסערן סכום און נאכ'ן פארקויפן איז דאס געווענליך אויסגעקומען מער וויפיל א געלט נדבה).

דערציילט דער ליסקא רבי, ווען איך בין אריינגעקומען אין ערשטן געשעפט האט דער בעל הבית מיך געפרעגט "געלט אדער סחורה?" האב איך געענטפערט "סחורה", קלערנדיג אז פון די סחורה וועל איך ארויסבאקומען א שענערן סכום. האט יענער בעל הבית מיר געגעבן א מעטער פאדעם...

אריינקומענדיג אין צווייטן געשעפט פרעגט מיך ווידער דער בעל הבית "געלט אדער סחורה?" האב איך ווייטער געענטפערט "סחורה". האט מיר יענער געגעבן א קנעפל...

אזוי בין איך אריין אין א דריטן געשעפט און מיין מזל האט ווייטער נישט געטויגט, און אינצווישן איז שוין דורכגעגאנגען א גאנצע שעה פון די צוויי שעה וואס יענער יונגערמאן, דער אנפירער פון די נסיעה, האט מיר געגעבן צייט ביז'ן פארן און דא שטיי איך מיט גארנישט. פון דעם אלעם וועל איך נישט קענען שאפן זעכציג גרייצער.

ווען איך בין אריינגעקומען אין פערטן געשעפט און דער בעל הבית פרעגט מיך די זעלבע פראגע, "געלט אדער סחורה", האב איך אויסגעבראכן אין א געוויין. דער בעל הבית האט זיך זייער געוואונדערט און געפרעגט, "פארוואס וויינט איר?" האב איך אים דערציילט די גאנצע געשיכטע אז איך שטיי אויס צופארלירן מיין גאנצע פלאג צו פארן אויף שבועות קיין בעלזא.

יענער בעל הבית האט אויף מיר שטארק רחמנות געהאט, האט ער מיר געגעבן די גאנצע זעכציג גרייצער!

איר קענט פארשטיין וואספארא גרויסע שמחה איך האב געהאט דערפון. איך בין גלייך צוריקגעגאנגען אין בית המדרש "חדשים" און באצאלט פאר די נסיעה און איך בין מיט זיי מיטגעפארן קיין בעלזא אויפ'ן הייליגן יום טוב שבועות.

רבי הערשעלע מליסקא האט פארענדיגט די מעשה: "דעמאלט האב איך זיך פארגענומען אז ווען עס וועט קומען צו מיר א איד אן ארעמאן, וועל איך אים געבן דעם גאנצן סכום וואס ער דארף האבן, נישט ער זאל דארפן ארומקלעטערן אין די שטאט שאפן דעם סכום וואס ער נויטיגט זיך".

די גאנצע מעשה האט רבי הערשעלע מליסקא דערציילט פאר דעם חשוב'ן איד פון מונקאטש, וועלכער האט אים פארגעהאלטן היתכן ער געט אוועק אזא גרויסן סכום פאר איין ארעמאן. דאן האט ער אויסגעפירט צו דעם איד, "איר זענט געווען דער יונגערמאן וועלכער האט אנגעפירט די נסיעה פון מונקאטש קיין בעלזא! פון אייך טאקע האב איך זיך אויסגעלערנט אז ווען א איד קומט מיט א צעבראכן הארץ און רעדט זיך אויס זיינע צרות, דארף מען אים פרובירן ארויסצוהעלפן ווי ווייט מעגליך און געבן דעם גאנצן סכום..."

די מעשה האט דער רבי זי"ע איבערדערציילט פאר דעם איד אין סאטמאר וועלכער האט אים פארגעהאלטן היתכן דער רבי גיט אוועק אזא גרויסן סכום פאר איין ארעמאן, און ער האט אויסגעפירט: "איר זענט דאך אן אייניקל פון רבי הערשעלע מליסקא, אייער זיידע האט אויסגעטרעטן דעם דרך אין הלכות צדקה".

ע"כ המעשה פון ספר "זכר צדיק לברכה".

## ווער איז געווען דער ליסקא אייניקל?

ביי א געלעגנהייט איז שוין ערוועהנט געווארן וואס תלמידים מובהקים פון רבי'ן טענה'ן, אז די צווייטע מעשה וואס איז דא געברענגט געווארן אלס השלמה צו די ערשטע מעשה, זענען צוויי אנדערע מעשיות און האבן פאסירט ביי צוויי אנדערע מענטשן. אגב וועלן מיר זיך שוין אויך דערוויסן ווער עס איז געווען דער אייניקל פון רבי ר' הערשעלע ליסקער זי"ע פאר וועמען דער רבי האט דערציילט די מעשה.

פאלגנד איז א מעשה וואס איז געברענגט אין "ספר זכרונות" פון הרה"ח ר' אברהם יהושע שפיטצער הי"ו, זכרונות פון רבי'ן זי"ע דערציילט דורך זיין פאטער הרה"ח ר' נחום מרדכי שפיטצער ז"ל פון רבינ'ס נאענטע מקורבים ומשמשים בקודש. אין פרק א' עמוד 10 איז דערציילט אזוי:

מיין טאטנ'ס התקשרות צום רבי'ן האט זיך שוין אנגעהויבן עטליכע דורות פריער. זיין פאטער הרה"ח ר' חיים שפיטצער ז"ל איז געווען אן איידעם ביי החסיד המפורסם רבי אברהם יהושע גראס ז"ל פון סאטמאר, וועלכער איז געווען א תלמיד פון הייליגן ייטב לב זי"ע און אן איידעם ביי הגה"ק בעל טל חיים מליסקא זי"ע (מיין טאטע איז שפעטער געווארן א דאפלטער אייניקל פון דעם ר' אברהם יהושע, ווען ער האט חתונה געהאט מיט מיין מוטער לאורך ימים ושנים, א טאכטער פון הרה"ח ר' שמואל גראס ז"ל בן ר' אברהם יהושע גראס ז"ל).

דער זיידע ר' אברהם יהושע גראס ז"ל איז נאענט געווארן מיט'ן רבי'ן נאך אלס יונגערמאן, ווען דער רבי איז צום ערשטן מאל געקומען וואוינען קיין סאטמאר גלייך נאך זיין חתונה (נאך איידער ער איז געווארן רב אין ארשיוואו). ר' אברהם יהושע איז געווען א ווארעמער חסידישער איד און זייער א קלוגער באלעבאס; ער פלעגט אלץ האבן א גוט ווארט אין מויל. מיין פעטער הרה"ח הישיש ר' הערשל שפיטצער הי"ו לאויש"ט האט מיר דערציילט אז נאך די צווייטע וועלט קריג האט ער זיך א סאך געדרייט ביים רבי'ן אין שטוב אין וויליאמסבורג און דער רבי האט אים עטליכע מאל געזאגט, "דיין זיידע ר' אברהם יהושע איז געווען א קלוגער איד"; דער רבי פלעגט אפילו נאכזאגן זיינע ווערטלעך.

ווען דער רבי האט זיך באזעצט אין סאטמאר נאך די חתונה איז ר' אברהם יהושע, זייענדיג מקושר לבית סיגעט, געווען פון די ערשטע אידן וואס האבן זיך מדבק געווען אין רבי'ן און זיך אויך געזארגט צוצושטעלן א מקור פרנסה. ער האט אויף זיך גענומען דעם עול צוזאמצושטעלן פאר'ן רבי'ן מעמדות.

איינמאל איז ר' אברהם יהושע געפארן מיט די באן קיין קלויזנבורג. אויפ'ן וועג טרעפט ער א קלויזנבורגער איד וועלכער איז געפארן אויפ'ן וועג אהיים. ווי עס גייט געווענליך, ווען צוויי אידן טרעפן זיך אויפ'ן באן ווערט מען שנעל היימיש; מען צעשמועסט זיך, מען פרעגט זיך וואס מאכסטו, וואס טוסטו אא"וו. גיט דער איד א פרעג דעם זיידן: "וואו וואוינסטו?" און דער זיידע זאגט "אין סאטמאר". פרעגט אים דער איד: "דו קענסט דעם סיגעטער רב'ס זון?" (דעם קדושת יום טוב'ס זון), זאגט דער זיידע, "יא, איך קען אים". זאגט דער איד פאר'ן זיידן: "שיק אים א גרוס אין מיין נאמען" (ער האט געזאגט פאר'ן זיידן זיין נאמען, מיין טאטע ז"ל האט במשך די יארן פארגעסן דעם נאמען).

פרעגט אים דער זיידע, "וואס האסטו שוין געהאט מיט'ן סיגעטער רב'ס זון אז דו קענסט אים אזוי גוט?" דערציילט דער איד אזא מעשה:

"איך האב זיך נישט גוט געשפירט בין איך געגאנגען צום דאקטאר און ער האט פעסטגעשטעלט אז מען דארף מיך אפערירן. די אפעראציע האט אבער געקאסט 500 לעי און איך האב נישט געהאט דאס געלט. האבן גוטע פריינט מיך געראטן ווי פאלגנד: אין סאטמאר וואוינט דעם סיגעטער רב'ס א זון, מענטשן פרעגן אים עצות און מען ווערט געהאלפן ביי אים מיט ישועות, און אויב עס פאדערט זיך געלט, שיקט ער געלט אויך. גיי זיי זיך מזכיר ביי אים, וועסטו געהאלפן ווערן מיט אלעם, מיט א רפואה און געלט אויך...

"האב איך אזוי געטון. איך האב געשריבן א בריוו קיין סאטמאר, אדרעסירט צום סיגעטער רב'ס זון און דערציילט די גאנצע מעשה אז איך בין געווען ביים דאקטאר וועלכער האט פעסטגעשטעלט




**די באן סטאנציע אין ליסקא וואו מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע פלעגט אפשטייגן כ"ח תמוז, אויפ'ן וועג אהיים פון די יארצייט אין אוהעל, און אריינפארן אין שטאט מתפלל זיין ביים ציון פון הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע**

אז איך לייד אויף דעם און דעם און מען דארף מיך אפערירן. די אפעראציע קאסט אבער געלט וואס איך האב נישט, דערפאר בין איך זיך שואל עצה וואס צו טון.

"גייט דורך עטליכע וואכן און עס קומט אן א קאנווערט פון סאטמאר. איך עפן דאס אויף טרעף איך אינעווייניג 500 לעי, בייגעלייגט מיט א בריוו אין וועלכן דער סיגעטער רב'ס זון ווינטשט מיר א ברכה, איך זאל גיין צום דאקטאר און זיך לאזן אפערירן, איך זאל נישט מורא האבן, אלעס וועט זיין פיין און איך וועל געהיילט ווערן בעז"ה.

ביז אהער וואס דער קלויזנבורגער איד האט דערציילט פאר מיין זיידן. שפעטער ווען ר' אברהם יהושע איז אהיימגעפארן קיין סאטמאר איז ער צוגעגאנגען צום רבי'ן איבערגעבן דעם גרוס און ער פרעגט דעם רבי'ן: "איך פארשטיי נישט. דער איד דארף דורכגיין אן אפעראציע, אוודאי דארף מען אים העלפן; עס איז מצות ביקור חולים. אבער פארוואס דארף דער רבי אליין באצאלן דאס גאנצע? איך גיי ארום צוזאמשטעלן מעמדות אז דער רבי זאל האבן פון וואס צו לעבן. איצט ווער איך געוואויר אז דאס געלט גייט ניטאמאל פאר'ן רבינ'ס הוצאות הבית; דער רבי שענקט אוועק דאס גאנצע געלט פאר צדקה!"

זאגט אים דער רבי, איך וועל דיר דערציילן גענוי וואס די מעשה איז געווען דא:

"דער איד האט מיר געשריבן א בריוו אז ער איד אובד עצות, ער האט נישט קיין געלט פאר אן אפעראציע. דו מיינסט איך האב אים געוואוסט וואס צו ענטפערן? וואס האב איך געטון - איך בין געגאנגען אין בית המדרש און גענומען א תהילים און געבעטן השי"ת זאל מיר חונן דעת זיין וואס צו ענטפערן פאר דעם איד.

"מה עשה הקב"ה. אינמיטן תהילים-זאגן קומט צו מיר צו לויפן א איד אז זיין טאכטער איז א מקשה לילד און דער דאקטאר זאגט אז די מאמע מיט'ן קינד זענען ביידע אין א סכנה און ער בעט איך זאל אים אנווינטשן.

"האב איך געזאגט דעם איד, איך נויטיג זיך איצט אין 500 לעי פאר ביקור חולים, אויב דו ברענגסט מיר דאס געלט וועל איך מתפלל זיין און איך קען דיר מבטיח זיין אז דאס קינד וועט געבוירן ווערן בשלום. דער איד האט טאקע געברענגט דאס געלט און דאס האב איך געשיקט פאר דעם איד פון קלויזנבורג". און דער רבי פירט אויס: "האב איך דען געמעגט אפילו הנאה האבן פון דעם געלט?"

דערנאך האט דער רבי געזאגט פאר'ן זיידן: "ר' אברהם יהושע איך בין אייך זייער דאנקבאר פאר די מעמדות. אבער איין זאך בעט איך אייך - אין הלכות צדקה טייל מיר נישט איין, איך ווייס וואס איך האב צו טון..."

## נישט נהנה זיין ממקורות זרים

## דאס הייליג ווארט פון הרה"ק מליסקא

איינע פון די גרויסע זאכן וואס דער סאטמארער רבי זי"ע האט שטארק פאראורבערט איז געווען, מען זאל נישט נהנה זיין פון געלט וואס קומט פון נישט כשר'ע מקורות פון מחללי שבתים וכדומה, און מען זאל נישט נהנה זיין משולחן איזבל - מוסדות התורה אין ארץ ישראל זאלן נישט נעמען קיין שטיצע פון די מלכות המינות ווייל "כח הפועל בנפעל", אויב וועט מען נעמען שטיצע פון די ציונים וועט דאס האבן א שעדליכע השפעה אויף די תלמידים.

דער רבי ברענגט אין ספה"ק דברי יואל פרשת דברים (מהדורא תניינא עמוד ס"ח) דאס באקאנט ווארט פון רבי הערשעלע, אויפ'ן פסוק "זלעפה אחזתני מרשעים עוזבי תורתיך" - דאס ווארט "עוזבי" (פארלאזן) קען אויך זיין א לשון פון "העלפן", מלשון "עזוב תעזוב עמו". זאגט דוד המלך ע"ה, זלעפה אחזתני, עס כאפט מיך אן א ציטערניש, "מרשעים עוזבי תורתיך", פון די רשעים וואס ווילן ארויסהעלפן די תורה הקדושה, זיי ווילן שטיצן תורה מיט געלט, ווייל זאגן זאגן זיי אז זיי ווילן העלפן, אבער אין הארצן טראכטן זיי בייזוויליגע מחשבות אז אזוי וועלן זיי קענען אריינרעדן און באאיינפלוסן די לומדי התורה צו זייערע שלעכטע וועגן ר"ל.

אין ספר "עזר בקודש" (עמוד ר"ן) פון הרה"ח ר' עזריאל גליק ז"ל משב"ק, איז געברענגט אז דער רבי האט נאכגעזאגט דאס ווארט בשם הרה"ק מליסקא זי"ע, ווען ער איז געווען אין ירושלים עיה"ק ביי זיינע דרשות סיי אין יאר תשט"ו און סיי אין יאר תשכ"ה.

כידוע האט מען דאס טאקע געזען ביים סאטמארער רבי'ן זי"ע אויך אין פערזענליכן לעבן - ער געהאט אן עבודה מופלגת ונפלאה ביים צעטיילן אלע געלטער וואס איז אריינגעקומען ביי די קוויטלעך, ער האט דאס צעטיילט אין פארשידענע טאשן און צומאל האט מען אפילו געזען ווי ער נעמט א טשעק און דרייט דאס צוזאמען און פיצט זיך די אויערן דערמיט און דערנאך געווארפן אין מיסט, ווייל ער האט מרגיש געווען אז דאס איז נישט-ערליך געלט און נישט געוואלט נהנה זיין דערפון.

אין ספר "קובץ אלי'" (אות שי"ח) דערציילט הרה"ג רבי חיים אלי' שטערנבערג ז"ל, וועלכער איז געווען דער רב פון די קטמון געגנט אין ירושלים, וואס ער האט אליין געהערט פון רביה"ק מסאטמאר זי"ע, ווי פאלגענד:

הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע איז ארומגעפארן צו א סאך צדיקים, צווישן זיי איז ער אמאל געפארן צו הרה"ק רבי ישראל מרוזשין זי"ע (ווען ער האט שוין געוואוינט אין סאדיגורא). ביים אריינקומען איז ער זייער ערשטוינט און פארוואונדערט געווארן פונעם געוואלדיגן עשירות און די קעניגליכע ווירטשאפט וואס נעמט ארום דאס גאנצע הויז, ווי אלעס איז באדעקט מיט גאלד און זילבער, און אפילו דער פערדן שטאל איז אזוי מייעסטעטיש און פראכטפול.

דער הייליגער ליסקא רב וועלכער איז געקומען זיך לערנען א דרך אין עבודת ה' האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און געפרעגט דעם רוזשינער פשט אין דעם. האט אים דער הייליגער רוזשינער געענטפערט: זאלסט וויסן אז עס קומען צו מיר אידן פון אלע שיכטן, צדיקים, בינונים און רשעים. זיי געבן אלע קוויטלעך מיט פדיונות אבער נישט פון אלע געלטער ווייל איך געניסן. פונעם גאנצן געלט וואס קומט אריין פון די פדיונות בלייבט איבער פאר מיר אליין קוים עפעס, ממש ווינציגער פון ווייניג, ווייל פאר מיר אליין נוץ איך נאר געלט וואס איך ווייס אז עס קומט פון ריין, ערליכע קוועלער. וואס טו איך אלזא מיט'ן איבעריגן געלט?

"פון די בינונים באדעקט מען דאס הויז מיט גאלד און זילבער. פון די רשעים מאכט מען א פערדן שטאל."



## טייערע צוקער צו פיטערן די פערד

אין ספר "גדולת יהושע" דערציילט דער טעמעשווארער רב הגה"צ רבי משה ארי' לעוו זצ"ל די זעלבע מעשה, מיט עטליכע שינויים, וואס ער האט געהערט פונעם קאלובער רבי'ן הרה"צ רבי משה טויב זצ"ל, אז ווען הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע איז געווען ביים הייליגן רוזשינער זי"ע, האט ער געזען ווי מען גיט צו פיטערן צוקער פאר די פערד וואס האבן באלאנגט צום רוזשינער'ס הויז. דאס האט זייער ווי געטון פאר'ן ליסקא רב אז מען נעמט צוקער וואס קאסט אזוי טייער און מען פיטערט דאס פאר פערד, אין די זעלבע צייט ווען מען קען מיט'ן געלט שפייזן אידישע ארעמעלייט.

רבי הערשעלע איז תיכף אריינגעלאפן צום רוזשינער און געוואלט פרעגן פשט אין די מאדנע פירונג, אבער ווען ער איז אנגעקומען צו די טיר איז ער געבליבן שטיין און געקלערט ביי זיך "אויף וועמען האב איך דא קשיות? ווער בין איך און וואס בין איך צו פרעגן קשיות אויף אזא הייליגן צדיק?" אזוי איז ער געשטאנען פארטראכט א ווייל ביי די טיר, פלוצלינג הערט ער ווי דער רוזשינער רופט אויס פון אינעווייניג פון צימער, "ליסקא רב, איך וועל אייך שוין מארגן אלעס פארענטפערן".

מארגן איז דער ליסקא רב אריינגעקומען צום רוזשינער, האט אים דער הייליגער רוזשינער געזאגט אזוי: זאלסט וויסן אז מען ברענגט מיר פארשידנארטיגע געלטער, פון פארשידנארטיגע מענטשן. עס איז דא אזעלכע געלטער וואס זענען נאר ווערד צו נוצן פאר די פערד, און וויבאלד איך וויל אז דאס געלט זאל אויסגענוצט ווערן ווי שנעלער, דעריבער האב איך געהייסן קויפן פונעם געלט צוקער, וואס קאסט זייער טייער און דאס געבן צו עסן פאר די פערד, אזוי ווערט דאס געלט שנעל אויסגעברענגט.

דאן האט דער רוזשינער געוויזן פאר'ן ליסקא רב אנגעהויפנטע בינטלעך געלט אויפ'ן טיש און זאגט אים בזה"ל: "ליסקא רב, פון די אלע געלט וואס איר זעט דא קומט נישט אויס פאר מיר ניטאמאל א סעודה אחת!"

פירט אויס דער טעמעשווארער רב,

"איינמאל האב איך דערציילט די מעשה פאר מרן רבינו הקדוש מסאטמאר זי"ע און ער האט זייער אויסגעלויבט די מעשה."

## געהייסן פארברענגען דאס געלט

מערקווירדיג אז הרה"ק מליסקא זי"ע האט שפעטער זיך אליין געפירט אויף דעם זעלבן דרך, מיט א געוואלדיגן זהירות נישט נהנה צו זיין פון געלט וואס קומט ממקורות לא טהורים. ער פלעגט אויסקלויבן די געלטער וואס זענען אנגעקומען צו איס בורר מתוך בורר און אסאך מאל האט ער אריינגעווארפן געלט אין בית הכסא. מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע האט מערערע מאל דערציילט די פאלגנדע מעשה:

הרה"ק מליסקא זי"ע האט אמאל געגעבן א גרויסן סכום געלט פאר זיין גבאי און אים געהייסן ער זאל דאס פארברענען. איז דארט געשטאנען זיין איידעם הגה"צ רבי יוזפא גאלדבערגער זצ"ל און געפרעגט דעם שווער, צי ער קען קויפן מיט דעם געלט האלץ וואס מען וועט פארטיילן ווינטער פאר די ארעמלייט צו הייצן דערמיט דעם אויוון, אזוי וועט מען אויפטון צוויי זאכן: דאס געלט וועט גיין לשריפה, אזוי ווי דער רבי האט באפוילן דעם גבאי, און אויך וועלן די ארעמעלייט הנאה האבן דערפון. האט דער אך פרי תבואה געזאגט אז ער איז נישט מסכים, נאר מ'זאל שוין פארברענען דאס געלט אין א געהעריגן פייער.

למעשה האט אבער פאסירט אז בעת דער גבאי האט זיך געפארעט מיט'ן פארברענען האט דאס עמיצער באמערקט און יענער האט געראטעוועט דאס געלט פון פייער. ער האט אבער מורא געהאט צו באנוצן זיך דערמיט האט ער אוועקגעגעבן דאס געלט פאר אן ארעמאן וועלכער איז שולדיג געווען א יאר רענט און זיין בעל הבית האט אים שוין געוואלט ארויסשטעלן פון די דירה.

די מעשה האט זיך אבער געענדיגט זייער נישט גוט. דער ארעמאן פאר וועמען מען האט באצאלט זיין רענט איז ל"ע קראנק געווארן און באקומען אן אויסשלאג איפ'ן גאנצן קערפער. מען האט פארשטאנען אז דאס איז געקומען ווייל מען האט פארנוצט אויף אים דאס געלט וואס דער ליסקא רבי האט געהייסן פארברענען. איז מען געקומען צום הייליגן רבי'ן רבי הערשעלע און מזכיר געווען דעם ארעמאן, און בלית ברירה האט מען געמוזט אויסזאגן דעם גאנצן אמת אז מען האט גענוצט אויף אים דאס געלט וואס דער רבי האט געהייסן פארברענען.

ווען דער אך פרי תבואה זי"ע האט דאס געהערט האט ער א קרעכץ געגעבן און געזאגט: "וואס האט איר געטון? דאס געלט האב איך באקומען פון א גרויסן בעל עבירה; ער האט געהאט די מחלה וואס דער ארעמאן האט איצט באקומען, און איך האב נישט געטראפן קיין אנדערע עצה נאר צו פארברענען דאס געלט. אבער איצט אז איינער האט הנאה געהאט פונעם געלט, איז געווארן דאס וואס איז געווארן!"

דער רבי זי"ע האט צו דעם מוסיף געווען: איך ביים טאטן דער קדושת יום טוב זי"ע האב איך געזען מערערע בייטלעך געלט וואס ער האט באקומען פון אידן. די געלט וואס ער האט געוואוסט אז עס קומט פון א כשר'ן מקור, האט ער אוועקגעלייגט באזונדער און דאס אויסגעגעבן פאר מער מכובד'דיגע זאכן. פאר זיך אליין האט ער גענוצט נאר פון אזא געלט וואס איז געקומען פון א גאר גאר ריין אויסגעהאלטן פלאץ. (ספר קובץ אלי' פון הרב חיים אלי' שטערנבערג ז"ל, וואס דער רבי זי"ע האט דאס פאר אים דערציילט).

## יעדע מאדע ברענגט א נייע קרענק

סאטמארער חסידים געדענקען ווי דער רבי זי"ע פלעגט כמה פעמים נאכזאגן פון הרה"ק מליסקא זי"ע: "יעדעס מאל וואס א נייע מאדע ווערט פארשפרייט, זע איך גלייך די שטראף און צרה וואס ווערט פארשפרייט צוזאמען מיט דעם". איינמאל האט זיך אריינגערעדט א נייע מאדע און דער ליסקא רב האט געזאגט "דאס מאל ווייס איך נישט וואספארא צרה דאס האט געברענגט מיט זיך". אבער א קורצע צייט שפעטער האט רבי' הערשעלע געזאגט "איצט ווייס איך שוין".

דאס ווערט אויך געברענגט אין ספר "דער ליסקא רב" (עמוד ת'), "אין די כל נדרי דרשה פון זיין לעצטן יאר ביים לעבן, יום כיפור תרל"ד, האט דער ליסקא צדיק פארפירט מיט א קול שאגת ארי קעגן די מאדעס און זיך געבעטן "די ווייבער זאלן נישט געהן אין די נייע מאדעס, דאס יעדע נייע מאדע ברענגט מיט זיך א נייע קראנקהייט".

ביי שלש סעודות תורה פרשת מקץ תשכ"ד האט דער רבי נאכגעזאגט (זעה ספר "מטר השמים" פון הגה"צ רבי מאיר טודרוס זילבער שליט"א אבד"ק יאוואזשנא) ברענגט ער אז ער האט אמאל דאס זעלבע געהערט פון רבי'ן זי"ע ביי א דרשה פאר קריאת התורה איבער עניני צניעות) א מורא'דיגע זאך פון הרה"ק מליסקא זלה"ה:

"פונקט ווי עס איז דא סתרי תורה אין די קדושה, אזוי איז זה לעומת זה אויך דא א תורת הנסתר אין די קליפות. יעדע נייע מאדע איז טייל פונעם תורת הנסתר פון די קליפות". איינמאל האט זיך פארשפרייט א נייע מאדע און דער ליסקא רב האט געזאגט "דערוייל ווייס איך נאכנישט ווא די תורת הנסתר פון די קליפה איז באהאלטן אין די מאדע; איך כאפ נאכנישט דעם פריצות וואס ליגט אין די מאדע, אבער איך בין זיכער אז אויב איז דאס א מאדע, ליגט דערין א פריצות. א צייט שפעטער האט דער ליסקא רבי געזאגט "איצט איז דער תורת הנסתר שוין נתגלה געווארן, מען זעט שוין קלאר דעם גרויסן פריצות וואס ליגט דערין".

## ווען מען מעג און טאר נישט גיין איף די גאס

אין ספר "טיב לבב" (מדור סיום הש"ס וליקוטים) ברענגט דער רבי זי"ע ווי פאלגנד:

מען זאגט נאך פון הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע, אז אליבא דאמת, צוליב דעם גרויסן פריצות וואס הערשט אין אונזערע צייטן אויף די גאסן, וואלט געדארפט זיין אסור פאר איד צו גיין אויף די גאס, צוליב א חשש אז מען מען וועט נכשל ווערן ר"ל צו זען וואס מען טאר נישט.




אבער אויב מען גייט צו אזא פלאץ וואו מען מוז גיין, צום ביישפיל אין בית המדרש צו לערנען און דאווענען אדער אין מקוה, אדער מען גייט האנדלען במשא ומתן זיך משתדל צו זיין אין פרנסה, דעמאלט היט מען אים אפ פון אויבן און ער האט סייעתא דשמיא מען זאל נישט געשטרויכלט ווערן, ווייל מיר קענען האבן א טענה כביכול צו דעם פון אויבן, אז השי"ת מוז אונז אפהיטן פון ראיות אסורות, וויבאלד השי"ת איז דאך דער וואס האט אונז געברענגט אין גלות צו די ערטער וואס זענען פול מיט פריצות, און מיר זענען נישט געקומען אהער פון אייגענעם ווילן, דערפאר דארף השי"ת אונז היטן פון ראיות אסורות.

אבער אויב מען גייט אויפ'ן גאס פון זיך אליין צו ערטער וואס איז אומנויטיג אהינצוגיין, בפרט ווען מען גייט נאך צו א מקום אסור, ווי אין טעאטער חס ושלום, דעמאלט קען מען זיכער נישט האפן צו האבן סייעתא דשמיא מען זאל נישט נכשל ווערן אין איסור הסתכלות רעות, וויבאלד ער גייט דאך צו די ערטער פון זיין אייגענעם רצון, אן רשות פון הקבה"ה און השי"ת האט אים נישט אהינגעשיקט, ע"כ דבריו הקדושים.

דער רבי לייגט דארט צו בזה"ל: פון דעם קען מען ארויסנעמען אפענע שטראפרייד פאר די וואס זיי, אדער זייער הויז-געזונד, גייען צו די "מבואות המטונפות" (שמוציגע גאסן) וואס מען רופט "מאוויס", וואס אויף דעם קען מען זאגן א ווייטאגליכע מליצה דעם פסוק "ראה נתתי לכם את החיים ואת הטוב ואת המו"ת ואת הרע", אז די "מוות", די "מאוויס", דאס איז דער "רע" וואס ברענגט ל"ע דעם מענטש צו "מיתת הנפש" רח"ל

בעוונותינו הרבים דא אין מדינת אמעריקע זענען די גאסן פיל ארגער ווי די טעיאטערן און שפיל-הייזער וואס זענען געווען אין די צייטן פון הרה"ק מליסקא זלה"ה, און אויב גייט מען פון אייגענעם ווילן צו אזעלכע ערטער וואס קיינער צווינגט נישט אהינצוגיין, און מען גייט נאך דורך די שמוציגע גאסן, זענען אוודאי זייער גרויס און פיל די נסיונות ממש ביז'ן הימל און ח"ו מען קען נישט האפן זוכה צו זיין צו סייעתא דשמיא מען זאל נישט נכשל ווערן אין איסורים חמורים פונעם פסוק "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם", וויבאלד ער ברענגט זיך אליין צו אזא שווערן נסיון און רייצט אן דעם יצר הרע אויף זיך זעלבסט, ה' ירחם.

## דעם רבינ'ס דביקות אין הרה"ק מליסקא א פארלעסליך ספר

מען האט געזען א דבר פלא אז כידוע

איז דער רבי זי"ע געווען זייער א שטארקער קענער פון מעשיות אן מקורות, דער רבי פלעגט אבער דערציילן מערערע מעשיות און עובדות און אויך אין זיינע הייליגע ספרים טרעפט מען סיפורים פונעם ליסקא רב זי"ע. ווען דער רבי האט דערציילט א ליסקא מעשה איז ער געווארן זייער פארקאכט; ווי נאר ער האט אנגעהויבן דערציילן פלעגט ער זאגן די ווערטער "דער ליסקא רב" מיט א געוואלדיגן דחילו ורחימו.

נאך אין יאר תר"ע, 110 יאר צוריק, איז ערשינען דער ספר "דרכי הישר והטוב" פון הגה"צ רבי זאב וואלף גאלדבערגער זצ"ל, בן הגה"צ רבי יוזפא זצ"ל חדב"נ בעל אך פרי תבואה זי"ע, וועלכער איז געווען א דאפלטער אייניקל פון רבי הערשעלע מליסקא ווייל רבי וואלף איז געווען אן איידעם ביי זיין פעטער הגה"ק בעל טל חיים מליסקא זי"ע חדב"נ ומ"מ פונעם אך פרי תבואה. האט דערציילט הרה"ח ר' יוסף אשכנזי ז"ל משב"ק אז דער רבי זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדרוקט אויפ'ן דרכי הישר והטוב "עס איז א פארלעסליך ספר" און דער רבי פלעגט נאכדערציילן מעשיות פון דעם ספר.

אין ספר "דער ליסקא רב" (עמוד תתכ"ב) איז געברענגט וואס פילע סאטמארער אידן געדענקען, אז איין יאר האט מען געברענגט פאר'ן רבי'ן זי"ע צו די הקפות אום שמחת תורה א ספר תורה וואס האט באלאנגט פאר הרה"ק רבי הערשעלע פון ליסקא זי"ע. דער רבי האט געטאנצן דערמיט אין הקפה, (ווייל עס איז געווען זייער א גרויסע און שווערע ספר תורה און עס איז שווער געווען צו האלטן צו לאנג, ווער רעדט נאך צו טאנצן דערמיט) און נאכדעם וואס ער האט דאס צוריקגעקערט פאר'ן בעל הבית, האט אים דער רבי געזאגט בזה"ל: "א גרויסן יישר כח, עס איז מיר געווען א גרויס חשיבות".

## די סגולה נפלאה פאר תקיעת שופר

לויט ווי די משמשים בקודש פונדערהיים אין סאטמאר, ווי אויך די גבאים פון די יארן אין אמעריקע, פלעגן דערציילן, איז געווען טייל פון רבינ'ס הכנה דרבה אויף די ימים נוראים, יעדעס יאר פאר ראש השנה און במשך די עשרת ימי תשובה פלעגט ער לערנען דעם ספה"ק "הישר והטוב" די דרושים אויף ראש השנה, שבת שובה און יום כיפור פון רבי הערשעלע מליסקא זי"ע.

צווישן סאטמארער חסידים איז ידוע ומפורסם אז ראש השנה איידער תקיעת שופר האט דער רבי געהאט אן ענין גדול צו דערמאנען דעם נאמען פון רבי הערשעלע ליסקער זי"ע. ער האט געהאט עפעס א פארבארגענעם טעם הכמוס אז בלויז דערמאנען זיין נאמען איז מסוגל פאר המתקת הדינים. צומאל ווען ער האט געהאט צייט פלעגט ער פאר תקיעת שופר דערציילן א מעשה פונעם ליסקא רב און אויב ער האט נישט געהאט קיין צייט פלעגט ער צומאל בלויז זאגן "רבי הערשעלע ליסקער איז געווען אן ערליכער איד".

מער אויספירליך איז דערציילט אין קונטרס "דולה ומשקה", עובדות וואס עס האט דערציילט הגה"צ רבי משה דוב וויינבערגער זצ"ל אבד"ק פאיע, וועלכער האט כידוע געהאט די זכי' צו זיין משמש בקודש אין די ערשטע צייטן ווען דער רבי איז אנגעקומען קיין אמעריקע, איז דערציילט דארט (דף ר') ווי פאלגענד:

זייענדיג א מקורב אין רבינ'ס שטוב, האט דער פאיער רב ז"ל בייגעוואוינט ביים רבי'ן אום ראש השנה צוויי יאר, א מערקווירדיגן ענין מיט וואס דער רבי האט זיך געגרייט צו תקיעת שופר. דער פאיער רב האט דאס געהערט ביידע טעג ראש השנה תש"ח פאר תקיעת שופר און די זעלבע זאך ביידע טעג ראש השנה שנת תש"ט.

פאר דער רבי איז אריין אין בית המדרש שופר בלאזן, האט דער רבי געזאגט פאר די מקורבים אז פאר תקיעת שופר איז מסוגל צו רעדן פון די פריערדיגע צדיקים, אז זייער זכות זאל ממתיק זיין די דינים, און ער האט אנגעהויבן צו שמועסן פון הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע בעמח"ס אך פרי תבואה.

ראש השנה שנת תש"ח האט דער רבי דערציילט א מעשה פון ליסקא רב, אז ער איז איינמאל געפארן קיין אוהעל כ"ח תמוז, די יארצייט פון הייליגן ישמח משה זי"ע. ער האט זיך א קורצע צייט משתטח געווען אויפ'ן ציון און איז גלייך פון דארט אהיימגעפארן, נישט ווי עס איז געווענליך געווען זיין שטייגער, אז ער פלעגט זיך אפרוהען אויף די אכסניא אין אוהעל וואו ער פלעגט געזעגענען דעם עולם און ערשט דערנאך אהיימגעפארן. יענעם יאר האט דער ליסקא רב נישט געוואלט געזעגענען דעם עולם, נאר איז גלייך אהיים געפארן קיין ליסקא.

ווען מ'האט אים געפרעגט פארוואס ער איילט זיך אהיימצופארן, האט דער ליסקא רב זי"ע געענטפערט אז ער האט געזען ווי זיין רבי דער ישמח משה שטייט ביי זיין ציון מיט אויסגעשפרייטע הענט און ער בענטשט אלע אידן וואס זענען זיך געקומען משתטח זיין ביי זיין ציון, דעריבער פארט ער גלייך אהיים כדי אהיימצוטראגן די ברכה, און אויך, ער וויל נישט אז מענטשן זאלן קומען צו אים זיך געזעגענען ווייל ער וויל נישט זיין א מורה הלכה בפני רבו.

דער פאיער רב האט דערציילט אז ער איז ערשטוינט געווארן א יאר שפעטער, שנת תש"ט, אז דער רבי האט ווידעראמאל פאר תקיעת שופר ביידע טעג דערמאנט א ווארט אדער א סיפור פון הייליגן ליסקא רב זי"ע. מ'האט געזען אז דער רבי האט עפעס א ספעציעל ענין צו דערמאנען דעם זכות פון ליסקא רב זי"ע פאר תקיעת שופר.

עס איז מערקווירדיג אז דאס זעלבע האבן דערציילט די משמשים בקודש פון די שפעטערדיגע יארן. ביז'ן לעצטן יאר פון די הסתלקות האט דער רבי כמעט יעדעס יאר ראש השנה דערמאנט דעם ליסקא רב, אן עובדא אדער א תורה, און צוגעלייגט אז פאר תקיעת שופר איז מסוגל צו רעדן פון צדיקים. פיל מאל האט ער בלויז דערמאנט "דער ליסקא רב איז געווען אן ערליכער איד".

הרה"ח ר' עזריאל גליק ז"ל משב"ק פלעגט איבערזאגן פון רבי'ן בזה הלשון: "פאר תקיעת שופר איז א סגולה צו רעדן פון פריערדיגע צדיקים - דער ליסקא רב איז געווען א צדיק אמת". אמאל האט דער רבי געזאגט דאס לשון "ערליכער איד" און אמאל "צדיק אמת". מער האט ער נישט געזאגט. דאס איז געווען איינע פון די וואונדערליכע ענינים וואס מ'האט געזען ביים רבי'ן, אין וואס קיינער האט נישט געהאט קיין השגה, שבילו במים רבים ועקבותיו לא נודעו.



## ביי די קברי צדיקים פון אוהעל און ליסקא

מען האט געזען א וואונדערליכע זאך ביים רבי'ן, אז כ"ח תמוז פלעגט ער יעדעס יאר פארן אויף די יארצייט פון זיין זיידן דער ישמח משה זי"ע קיין אוהעל, און אסאך יארן פלעגט ער אויפ'ן וועג אהיים זיך אפשטעלן אין ליסקא און דארט מתפלל זיין ביים ציון פון זיין זיידנ'ס גרויסער תלמיד.

פילמאל ווען דער רבי איז געווען אין אוהעל אויף די יארצייט פון זיין הייליגן זיידן דער ישמח משה זי"ע, כ"ח תמוז, פלעגט ער אהיימפארן מיט די באן און ווען די באן האט זיך אפגעשטעלט ביי די ליסקא-טאלטשאווע סטאנציע, פלעגט דער רבי אויסשטייגן און אריינפארן אין ליסקא מתפלל זיין ביים ציון פון הרה"ק מליסקא זי"ע. איינמאל נאכדעם וואס דער רבי איז ארויסגעקומען פון אוהל האט ער זיך אויסגעדרוקט "ווען מען קומט ארויס פון דא שפירט זיך עס גוט!"

ספעציעל איז באקאנט אז אין יאר תרצ"ה ווען זיין ערשטע רביצין, הרבנית הצדיקת חוה ע"ה בת הרה"ק מפלאנטש זי"ע איז נישט געזונט געווען, איז דער רבי אריינגעפארן כ"ח תמוז קיין ליסקא און דארט איינגעריסן ביים ציון פון הרה"ק רבי הערשעלע זי"ע מיט אן אויסטערלישן התעוררות לרפואתה וואס האט געווירקט אויף זיין גרויסן אמונת צדיקים אין דעם גדול וקדוש.

דער רבי האט זיך דעמאלט אויפגעהאלטן ביים ליסקא ציון א לענגערע צייט, מער ווי יעדעס יאר, און ער האט דארט איינגעריסן מיט געוואלדיגע בכיות און התעוררות, וואס די ארומיגע האבן געזאגט אז עס איז געווען א מוראדיגער מעמד, עס האט זיך געשפירט ווי אין די ימי הרחמים והסליחות.

דאס האט דערציילט הרה"ח הישיש ר' שלום שווארץ ז"ל (א זון פון הגה"צ המקובל רבי אברהם שווארץ זצ"ל חדב"נ רבי צבי הירש מליסקא זי"ע) וועלכער איז אנוועזנד געווען ביי דעם מעמד. ער האט אויך דערציילט, אז איינמאל האט די באן זיך צעבראכן בשעת דעם אפשטעל פון אוהעל קיין ליסקא. עס איז געבליבן שטיין און מען האט אויסגערופן אז דער באן וועט נישט פארן ביז א לענגערע צייט.

האט דער רבי שנעל אויסגענוצט די צייט און אריינגעפארן אין שטאט אריין מתפלל זיין ביים ליסקא ציון און ביי יענע געלעגנהייט האט ער אויך באזוכט דעם מרא דאתרא, הגה"ק בעל שערי הישר מליסקא זי"ע, און פארברענגט מיט אים א לענגערע ווילע, ביז מען איז געקומען

רופן דעם רבי'ן אז דער באן פארט שוין.

נאך די צווייטע וועלט מלחמה ווען עס איז דורך א לאנגע צייט אפשניט און מען האט נישט געקענט צוקומען צו קברי צדיקים אין אונגארן, איז ביי עלטערע סאטמארער חסידים וועלכע זענען געפארן אויף אוהעל - אנגעהויבן פון די תש"ל יארן ווען הרבנית הצדקת מסאטמאר ע"ה פלעגט יערליך ארגאניזירן א נסיעה צו די יארצייטן פון צדיקי בית אוהעל וסיגעט; און ביז'ן היינטיגן טאג סיי אויף די יארצייט כ"ח תמוז און סיי א גאנץ יאר - געווען א דבר פשוט אז מען "קען נישט" ארויסלאזן "ליסקא" פונעם סדר הנסיעה. עס איז געווען א דבר המובן מאליו אז אויב פארט מען קיין אוהעל פארט מען אויך דעם וויניגער ווי האלבע שטונדע וועג קיין ליסקא צום גרויסן תלמיד פונעם ישמח משה זי"ע, וויסענדיג דאס געוואלדיגע צוגעבינדענקייט וואס מרן רביה"ק זי"ע האט געשפירט צו דעם צדיק וקדוש בעל אך פרי תבואה זי"ע.

## די מעשה האט פאסירט נאך איינמאל

איבער די באקאנטע מעשה ווען רבי הערשעלע מליסקא איז ביים ישמח משה'ס ציון און איז גלייך אהיימגעפארן ווייל ער האט געזען דעם ישמח משה שטייט און בענטשט אלע קומען מתפלל זיין, איז כדאי צו באמערקן אז אינעם קונטרס "זכרונות" פון הרה"ח ר' מרדכי שפיטצער ז"ל, פון וויליאמסבורג און נאנטער מקורב פון רביה"ק מסאטמאר זי"ע, וואס איז ערשינען דורך זיין זון הרה"ח ר' אברהם יושע שפיטצער הי"ו, איז דערציילט:

"מיין פאטער הרה"ח ר' מרדכי שפיטצער ז"ל האט דערציילט אז ער פלעגט שפאצירן מיט'ן רבי'ן זי"ע אין בעל הארבעה. איינמאל ביי די יארצייט פון ישמח משה זי"ע האט ער איבערדערציילט פאר'ן רבי'ן די באקאנטע מעשה, אז ווען הרה"ק רבי הערשעלע מליסקא זי"ע בעל אך פרי תבואה איז געקומען קיין אוהעל צום ישמח משה'ס ערשטע יארצייט, האט ער געזען ווי דער ישמח משה שטייט און בענטשט אלע משתטחים מיט זיינע הענט, און ער האט זיך גלייך אויסגעדרייט און אהיימגעפארן.

האט דער רבי מעיר געווען דערויף: "דאס האט דער ליסקא רב נאר איינמאל געזען; עס איז נישט געווען יעדעס יאר".

הרה"ח ר' אלי' דוד הלוי טירנויער ז"ל האט דערציילט וואס ער האט אליין געהערט פון רביה"ק מסאטמאר זי"ע אביסל מער אויספירליך אז דער סדר פון הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע איז געווען, אז יעדעס יאר ווען ער איז געפארן אויף אוהעל צו די יומא דהילולא פון זיין רבי'ן הגה"ק בעל ישמח משה זי"ע, פלעגט ער אויפ'ן וועג אהיים זיך אפשטעלן אין די שטאט פאטיק און דארט האט ער גענומען קוויטלעך מיט פדיונות און דערנאך פלעגט ער דארט איבערנעכטיגן. איין יאר האט ער זיך נישט אפגעשטעלט אין פאטיק נאר איז גלייך אהיימגעפארן קיין ליסקא און יעדער האט זיך געוואונדערט דערויף. ווען מען האט אים געפרעגט דעם טעם האט הרה"ק מליסקא זי"ע געענטפערט אז ער האט געזען ווי זיין הייליגער רבי דער ישמח משה בענטשט יעדן איינעם ביים ציון, האט ער געוואלט אהיימברענגען די ברכה ביז צו אים אין שטוב אריין.

אויך אין ספר מושיען של ישראל (ח"ב עמוד ק"ל) איז געברענגט אז פילע סאטמארער חסידים האבן געהערט פון רבי'ן אז די מעשה האט פאסירט נאר איין יאר.

## דעם רבי'נ'ס הערצה צו ליסקא אייניקלעך

אינעם קונטרס זכרונות פון הרה"ח ר' מרדכי שפיטצער ז"ל, וואס איז ערשינען דורך זיין זון הרה"ח ר' אברהם יושע שפיטצער הי"ו, איז דערציילט אז ר' מרדכי'ס פאטער הרה"ח ר' חיים שפיטצער ז"ל פון סאטמאר איז ווי דערמאנט געווען א דאפלטער אייניקל פונעם אך פרי תבואה זי"ע און פונעם טל חיים פון ליסקא, זייענדיג אן אייניקל מצד אביו ואשתו פון החסיד המפורסם רבי אברהם יהושע גראס ז"ל פון סאטמאר, וועלכער איז געווען אן איידעם ביי הגה"ק בעל טל חיים מליסקא זי"ע. דערציילט ר' אברהם יהושע ווי פאלגנד:

"אמאל אין די י' יארן, ווען מיין טאטע ז"ל האט שוין געוואוינט דא אין ניו יארק, האט זיך געמאכט ביי אים אין שטוב א צרה ל"ע. דער טאטע איז אריין צום רבי'ן און זייער געוויינט דארט, ממש ער האט זיך נישט געקענט בארואיגן. דער רבי האט אים געוואלט מחזק זיין, רופט ער זיך אן צו אים: "מרדכי, וואס קומסטו צו מיר, ביזט דאך א ליסקא אייניקל! קענסט דאך מעורר רחמים זיין בזכות אבות".

דאס לעצטע מאל ווען דער ליסקא רבי פון ניו יארק, כ"ק אדמו"ר רבי יוזפא פריעדלענדער זצ"ל האט באזוכט ביי מרן רביה"ק זי"ע איז געווען אין חודש אלול תש"ל, ווען דער רבי איז שוין געווען נאכ'ן סטראוק ה"י און ער האט זיך אופגעהאלטן אין בעל הארבעה. עס איז געשטאנען א רייע אידן דורכצוגיין און דער רבי איז געזעצן ביי א שרייב טישל וואו ער האט אופגענומען דעם עולם. ווען דער רבי האט געזען דעם ליסקא רבי'ן האט ער אים אופגענומען מיט גרויס חביבות "וואס זאגט איר ליסקא רבי?" און אים מכבד געווען זיך צו זעצן. דער ליסקא רבי האט זיך אוועקגעזעצט אבער דער רבי זאגט אים "קומט אביסל נענטער" און דאן איז פארגעקומען זייער א רירנדער שמועס.

דער רבי פרעגט דעם ליסקא רבי'ן "ליסקא רב, איר שטאמט דאך פון א הייליגע גזע, דערציילט עפעס הנהגות וואס איז געווען אין די צייטן [חודש אלול ותשרי] אין ליסקא, ביי אייערע זיידעס און ביי אייער טאטן". דער ליסקא רבי האט דערציילט עפעס פאר'ן רבי'ן, אבער דער רבי האט נישט נאכגעלאזט, ער האט זיך ווייטער פאראינטערעסירט, וויאזוי עס האט אויסגעזען די תקיעת שופר דרשה פונעם אך פרי תבואה? ווען האט אייער טאטע געזאגט די דרשה? אא"וו.

דער ליסקא רבי האט דערציילט פאר'ן רבי'ן אז דער זיידע רבי הערשעלע זי"ע פלעגט קודם זאגן א דרשה אין גרויסן בית הכנסת אין ליסקא און דאן האט ער געזאגט נאך א דרשה ביי זיך אין בית המדרש. דער רבי האט אים אויסגעפרעגט יעדן פרט און געוואלט וויסן וואספארא סארט סגנון (סטיל) די תקיעת שופר דרשה איז געווען, דער תוכן פון די דרשות, און איבער די געוואלדיגע בכיות ביי די דרשה. ער האט געפרעגט און געפרעגט.

דער שמועס האט זיך פארצויגן, ווען ער איז פארטיג געווארן האט דער ליסקא רבי געזאגט פאר'ן סאטמארער רבי'ן, "איך בין געקומען נעמען א ברכה צום נייעם יאר און איך דארף אויך האבן א גרויסע רפואה".

דער רבי זי"ע האט גארנישט געענטפערט אויפ'ן מאמענט נאר געקוקט אויפ'ן ליסקא רב מיט זייער א דורכדרינגליכן בליק. דער ליסקא רבי האט פארלאזט טרערן און אויך דער רבי זי"ע איז געווארן זייער ערנסט, דאן האבן זיי ווייטער געקוקט איינער אויפ'ן אנדערן מיט ערנסטע אויגן אבער אן ארויסזאגן א ווארט. די זאך איז געווען א גרויסער וואונדער ביי אלע ארומיגע, אפילו ביי די משמשים. נאך א לענגערע ווייל האט דער רבי געגעבן א קוק אינעם קוויטל און אנגעוואונטשן אן אלגעמיינע ברכת השנה און מיט דעם זיך געזעגנט.

אויפ'ן וועג אהיים האט דער ליסקא רבי נישט ארויסגערעדט קיין ווארט במשך די גאנצע רייזע. ווען ער איז אנגעקומען אהיים האט זיין רביצין געזען אז ער איז אויסטערליש צעבראכן און אים געפרעגט דעם באדייט, האט ער געענטפערט: "די זאך האט מיר נישט מבשר געווען א גוטע בשורה". ליידער עטליכע חדשים שפעטער, כ"ח שבט תשל"א איז דער ליסקא רבי נסתלק געווארן אין בליענדן עלטער פון 53 יאר.

זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל - דער זכות פון די צוויי הייליגע בעלי הילולא, דער הייליגער אך פרי תבואה זצ"ל און רביה"ק זצ"ל מגין זיין אויף כלל ישראל געהאלפן צו ווערן בשפע רב ובדבר ישועה ורחמים און מיט די גאולה שלימה בקרוב.

**קהל עטרת צבי ליסקא**
**בנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א**

ברגשי כבוד הננו מודיעים לקהל אנ"ש ושוחרי תורה וחסידות על
**סעודת הילולא קדישא**
שתיערך אי"ה
ביומא דהילולא רבה של
**רביה"ק רבי צבי הירש**
**בעל "אך פרי תבואה" מליסקא זי"ע**

ביום ה' בערב לסדר ואתחנן
אור י"ד לחודש מנחם אב
**מנחה ומעריב בשעה 9:00 - ואח"כ הסעודה**
**ברכת המזון בשעה 10:15 בדיוק**

**בביהמ"ד חסידי אברהם היבנוב**
**1157 51st Street**

**בראשות האחים כ"ק אדמו"ר מליסקא שליט"א**
**וכ"ק אדמו"ר מהיבנוב שליט"א**

ויהי"ר שזכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל

הגבאים